Rok I | Kraków, 9 kwietnia 1909 — קראקא, י״ח ניסן תרס״ט. | Nr 13

# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

Żydowska gazeta illustrowana.

Wychodzi każdego piątku.

Pranumerata wynosi: Rocznie 10 K. — 5 Rbs. Półrocznie 5 K. 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

Jüdische Illustrierte Zeitung

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראנען, 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזקא 62. טעלעפאן נר׳ 412. עסטרר. פאסטשפארקאסען־קאנטא נר׳ 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיאדאווא נר׳ 12 פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נר׳ 16.

## דער „סדר״ ביי די יודישע זאלדאטען אין באסניען.



דער „סדר״ ביי די יודישע זאלדאטען אין באסניען: אין א באראקע, ביי דער סערבישען גרעניץ האלטען יודישע רעזערוויסטען דעם סדר.

**אינהאלט:** דער צוקונפטס־קריעג — עהרענטהאל און איזוואלסקי — דר. סוען העדין — איבערשוועמונגען — דער פרויען קאפ אים מעער — נעפענניסע אין יאפאן — די סערבישע דינאסטיע — אויפרעגונג אין גריעכענלאנד — באראן זיגמונד קארנפעלד — א מוטער אים קאסטען — א מערדער אויפגעזוכט — א שרעקליך מערדעריי אין ווארשא א. ז. וו.

# דער „סדר" ביי די יודישע זאלדאטען אין באסניען.

אַ ערנסטען „סדר" האַלטען אב די יודישע זאל־דאטען, וועלכע געפונען זיך איצט אין באסניען־הערצאָג־אווינא.

וויַיט פֿון דער היים, פון טאטע־מאמע, פֿון ווייב און קינד, זיצען זיי דאָרט ערגע'ץ וואו אין א באַראַקע און רעכטען אב דעם סדר ביי טרוקענער מצה און אַרבע כוסות... מיט מצה און וויַין האבען די יודישע קהלות זיי שוין פֿערזאָרגט... קניידלעך און בובעלעך קען מען דאָרט אין דער באַראַקע, צווישען די בערג, ביי דער דרינא און סאַווא, נישט קאכען און נישט בראַטען...

ערנסט זיצען זיי ביַים סדר, און דערצעהלען זיך די נסים פֿון יציאת־מצרים, אבער זיי קענען צופֿ־ידען זיין! ס'איז זיי געווען באשערט אָבצוקומען מיט'ן שרעק.

דער קריעג, צו וועלכען זיי זענען אַרויסגעצויגען, וועט נישט זיין... די רעזערוויסטען, וואס מען האט אב־געריסען פֿון זייערע פאמיליעס, וועלען באלד ווידער א היים־פֿאָהרען און ווי טרויריג זיי זאלען נישט זיצען ביַים סדר, מעגען זיי זאגען: גם זו לטובה! געלויבט איז נאט פאַר דעם!...

# די סערבישע דינאַסטיע.

ראס קאמעל האט געבעטען הערנער, האט מען איהם אויך די אויערן אבגעשניטען. אט ראס בעקאַנטע שפּריכוואָרט פאסט ניט אויף קעניג פעטער פֿון סערביען. ס'איז איהם ווייניג געווען סערביען אליין. ער האט נאך געוואלט א גרויס־סערבישע מאנאַרכיע, וואס זאל זיך אויסשפּרייטען פֿונ'ם אדריאַטישען מעער ביז צור דאנוי — און איצט שאקעלט זיך זיין קעניגס־שטוהל און די גאנצע דינאַסטיע קאראגיארגאוויטש איז בעדראהט.

קעניג פעטער איז איבערהויפּט קיינמאל נישט גע־זעסען פעסט אויף זיין בענקיל. געקומען אויפ'ן טהראָן איז ער אויך נאר נישט קיין שענעם אופן. ס'איז נאר קיין סוד נישט, אז ער האט געוואוסט פֿון דער פֿער־שווערונג, וואס די סערבישע אָפיציערע האבען געמאכט, קעגען דעם פֿריהערען קעניג אלעקסאנדער. מיט זיין וויסען איז קעניג אלעקסאנדער ערמארדעט געווארען און דאס האט איהם פערשלאָסען אַלע טויערען פֿון די אייראפּאישע מלוכות. קיין איינציגער אייראָפּעאישער הערשער וויל איהם עמפּפֿאנגען און דאס אנזעהען פון דעם סערבישען שטאַאט האט דאדורך שטארק געליטען.

דער קעניג האט זיך דערמילט, ווען די פֿערשווערער האבען איהם אַרויפֿגעזעצט אויף דער שטוהל, געמוהט



באראָן עהרענטהאל, דער עסטערייכישער מיניסטער דעם אויסערן.



די סערביש; דינאַסטיע. קעניג פעטער שטודירט די לאנדקארט.

מינדליך און שריפֿטליך אויף עהרענוואָרט פֿערפֿליכטען, זיי נישט צו בעשטראָפֿען, נאר אדרבה זיי איבערצוגעבען די העכסטע שטעלען אים לאַנד. ער איז איבערדעם ביז היינט פֿערקויפֿט אין זייערע הענד און מוז טהון, וואס זיי פֿערלאַנגען פֿון איהם.

זיי, די פֿערשווערער, זענען אבער אויך איצט זיין איינציגע שטיצע. ווי האָבען מורא או אויך פעטער ואל זיך אבזאגען פֿון דעם טהראָן און ס'זאל קומען איין אנ־דערער אויף זיין אָרט, וועלען זיי פֿערליערען דעם גאנצען איינפלוס און די גאנצע דעה אין לאַנד.

אבער דיזע „אונטערשטיצונג" וועט איהם ווייניג וואס העלפען. אין גאנצען לאנד הערשט צוואַר רוהע, אבער ס'איז די רוהע פֿאַר'ן שטורם. דאס פאלק איז שטאַרק אונצופֿריעדען מיט דעם קעניג און מען ווארט נאר אב א גינסטיגע געלעגענהייט, איהם אראָבצוווארפֿען פונ'ם טהראָן.

זיין איינענער זוהן, דער עקס־קראָנפּרינץ געאָרג, אינ־טריגירט וויַיטער קעגען איהם און ער האָט צווישען די אפֿי־ציערע א גרויסען אָנהאנג. די אויסלענדישע מלוכות, שפּעציעל ענגלאַנד, וואָס איז איינענטליך שולדיג אין די גאנצע העצערייען, האבען זיך שוין בעפֿריינדעט מיט דעם געדאַנק, אַז די איצטיגע סערבישע דינאסטיע וועט אב־טרעטען און די סערבען וועלען זיך וועהלען א נייע די־נאַסטיע. ענגלאַנד האָט שוין אויך אַ קאנדידאַט דאַפֿיר, דעם הערצאָג פֿון טעק, א נאהענטען קרוב פֿון דעם ענגלישען קעניג.

מען קען רעכענען, אַז די זאַך וועט באלד ווערען ענטשיעדען. קעניג פעטער, וואס האט ביז נישט לאנג כסדר שטודירט די לאנדקארטע, כדי צו זעהען, וועלכע לענדער ער וועט באלד בעהערשען, שטודירט זי איצט וויַיטער, אבער נאר צו אַנאַנדערן צוועק: ער זוכט זיך אַנ'אָרט וואו צו וואָהנען, נאכדעם ווי ער וועט אַרויס פֿון סערביען בשלום...

ווי מען מעלדעט אויס גענף (שווייץ). געפֿינט זיך שוין דאָרט דעם קעניגס א פֿערטרויענסמאַן, וואס זוכט פֿאַר זיינעטוועגען א הויז צו קויפֿען. דער קעניג האט אויך פֿריהער איידער ער איז געקומען קיין סערביען, גע־וואהנט אין גענף. מען דערצעהלט אויך, אז ער אליין איז גרייט, צו פֿערציכטען אויף דעם טהראָן, ווען מען וועט איהם גאראנטירען א יעהרליכע אפּאנאזשע פֿון 250.000 פֿראַנק.

אין די 6 יאהר, וואס ער איז קעניג, האט פעטער קיין רוהיגע מינוט נישט געהאַט. שטענדיג האבען איהם געשראָקען די שאטענס פֿון דעם קעניג אלעקסאנדער, וואס איז מיט זיין וויסען ערמארדעט געוואָרען... איצט וועט ער אבטרעטען אָהן כבוד און אהן אנזעהען — בלאַמירט פאַר דער גאנצער וועלט!

נאט'ס מיהלען מאָהלען פּאַוואָלי אבער זיכער!

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער א בילד, פארשטעלענדיג קעניג פעטער, שטודירענדיג די לאנדקאַר־טע, אין טרויריגע געדאַנקען פֿערטיעפֿט.

# עהרענטהאל און איזוואלסקי.

דער עסטערייכישער מיניסטער דעם אויסערן, באַ־ראָן עהרענטהאַל, וועט בעקומען דעם טיטעל גראַף. איז־



דער רוס'שע מיניסטער דעם אויסערן, איזוואָלסקי.

וואלסקי, דער רוסישע מיניסטער דעם אייסערן, בעקומט די רעמיסיע.

דאמיט שליעסט אב די מעהר ווי 6 מאנאטליכע פעריאדע, אין וועלכען די פראגע „קריעג אדער פריע־דען?“ האט בעשעפטינט אלע מוחות.

באראן עהרענטהאל האט געזיעגט און איזוואלסקי האט בעקומען א ניעדערלאגע.

איינענטליך איז עס פאלש, די זאך צו נעהמען פון דער פערזענליכער זייט. נישט באראן עהרענטהאל האט בעזיעגט איזוואלסקין און נישט איזוואלסקי איז אונטערגעלעגען עהרענטהאלען.

געזיעגט האט אייגענטליך די אליאנץ צווישען עסטערייך־אונגארן און דייטשלאנד איבער די פעראיינ־באנד צווישען רוסלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד.

דייטשלאנד איז געשטאנען טריי צו זיין פערבינ־דעטען און האט אפען ערקלערט, אז אויב ס'וועט קומען צום קריעג, וועט עס מיט זיין גאנצער ארמעע איהם נע־הען צו הילף.

פראנקרייך דאגעגען, רוסלאנדס פערבינדעטע, איז געשטאנען קאלט ביי דער זייט. ס'איז מעגליך, יא אפשר גאר זיכער, אז די פראנצויזען וואלטען נישט גע־בראכען דעם פערטראג און נישט געלאזט רוסלאנד אין שטיך, ווען ס'ווערט א ערנסט. אבער ווי לאנג ס'זענען געפיהרט געווארען די דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונגען, איז פראנקרייך געשטאנען ביי דער זייט און כסדר צוריק־געהאלטען רוסלאנד, עס זאל נישט נעהען צו ווייט.

פראנקרייך וויל נישט קיין קריעג. די פאליטיקער וואס פיהרען דארט היינט דאס רעדעל, ווייסען גוט, אז זיי וועלען אין אזא קריעג נישט פיעל געווינען — און איידער מורא צו האבען פאר א ניעדערלאגע, איז דאך שוין א זיכערער שלום פיעל בעסער.

ענגלאנד אבער, וועלכעס האט אייגענטליך אם שטארקסטען געהעצט געגען עסטערייך־אונגארן, מיינענ־דיג דאמיט צו שאדען דער דייטשער פאליטיק, איז אין דער לעצטער מינוט אויך געקומען צו שכל אז עס איז זעהר ריזיקאליש, איצט אנצוהייבען א קריעג... די דייטשע פלאטע איז שוין גענוג שטארק צו פערטהיידיגען זיינע גרעניצען. אויך די עסטערייכישע פלאטע ווי קליין זי זאל נישט זיין, וועט אויך אויסרייכען, די עסטערייכישע האפען־שטעדט צו פערטהיידיגען. ענגלאנד קען איבערדעם אין אזא מין קריעג נאר ווייניג נוצען.

און אזוי איז איבערגעבליעבען רוסלאנד אליין... איזוואלסקי אבער און די אנדערע מאסגעבענדע קרייזע אין רוסלאנד ווייסען דעם אמת, אז רוסלאנד איז איצט צום קריעג נישט אנגעגרייט.

ווען איזוואלסקי האט נאכגעגעבען און אנערקענט די אנעקסיע פון באסניען־הערצעגאווינא, האט ער נור געטהון דאס, וואס ער האט געמוזט...

זיין פעהלער איז נאר געווען, וואס זעהענדיג די אמת'ע לאגע, האט ער בעדארפט זיין פארזיכטיגער און נישט דערלאזען דאצו, ס'זאל הייסען, אז רוסלאנד האט ערליטען א דיפלאמאטישע ניעדערלאגע.

און פאר דעם מוז ער נעהען פון זיין פאסטען...

באראן עהרענטהאל אבער, וועלכער האט געקענט אונטערשטיצען זיינע דיפלאמאטישע פארדערונגען מיט א ארמעע פון 5 מיליאן זאלדאטען, וועט בעקומען דעם טיטעל „גראף“.

די קריזע אויף דעם באלקאן איז אייגענטליך גע־ווען א קריזע צווישען עסטערייך־אונגארן און רוסלאנד און די הויפטראלע דאבייַ געשפיעלט עהרענטהאל און איזוואלסקי, וואס זייערע בילדער ברענגען מיר אין אונזער היינטיגער נומער.

# דער צוקונפטס־קריעג.

אין דער וועלט־ליטעראטור זענען אין די לעצטע יאהרען געשריעבען געווארען א גאנצע מענגע ביכער, וואס שילדערן די קריעגע אין דער צוקונפט.



די קריעגס־טעכניק האט זיך געמליך אזוי ענטוויי־קעלט, אז דער צוקינפטיגע קריעג, אויב ער וועט זיך נישט לאזען פערמיידען, וועט גאנץ אנדערש אויסזעהען, ווי אלע די קריעגע, וואס זענען אונז בעקאנט פון דער וועלט־געשיכטע.

מען קען אבער דרייסט בעהויפטען, אז אפילו אלע ריעזע פאנטאסטישע שילדערונגען זענען נישט אימשטאנד אונז צו געבען א קלאר בילד, ווי אזוי א צוקונפטס־קריעג וועט אויסזעהען.

כסדר, מען קען זאגען מעגליך, ווערען געמאכט נייע ערפינדונגען און ענטדעקונגען און וואס מען האלט היינט



דער צוקונפטס־קריעג: נאכדעם ווי פון לופטבאלאן איז דאס פיינדליכע לאגער צערשטערט געווארען, בעלייכטען רעפלעקטארען פון אויבען דאס שלאכטפעלד און א סאניטעטס־באלאן בע·ע ד׳רט די פערוואונדעטע.



די געפענגנישע אין יאפאן: דאס אייסערע אויסזעהען פון א שטראפאנשטאלט.



באראן וויגנונר קארנפעלד.

פאר דעם „לעצטען ווארט“ אין דער בעציעהונג, וועט נאך מאנגען איבערגעהאלט דורך א נייער ערפינדונג און א נייער שפעקולאציע.

די נייעסטע אומוועלצונג מאכען נאטירליך די לענקבארע לופטבאלאנס און פליעה־אפאראטע, וועלכע ווערען כסדר אויסגעבעסערט און פערפאלשטענדיגט. אזוי אז זיי וועלען באלד זיין א זיכער און פערלעסליך טראנספארט־מיטעל אים פריעדען ווי אים קריעג.

די קריעגס־קינסטלער, די גענעראל־שטאבלער, די סטראטעגען און די טאקטיקער, וואס האבען צעהנדליגער יאהרען פערבראכט, צו שטודירען די קריעגסקונסט, די „תכסיסי מלחמה“, מוזען איצט אנהויבען אויפס ניי צו לערנען די תורה, ווייל ביי לענקבארע לופטבאלאנס, ביי פליעה־אפאראטע, ביי טעלעגראפיע אהן דראהט, ביי מאשינענגעוועהרע און ביי די נייע שפרענגשטאפע זענען אלע בעדינגונגען גאר אנדערע און די גאנצע טאקטיק איז גאר אנאנדערע.

מען קען רוהיג בעהויפטען, אז אים צוקונפטס־קריעג וועלען די טעכניקער און נישט די גענעראלע שפיעלען די הויפט־ראלע און א „ליארע וויינטעל“ וועט אנאבייטען די גרעסטע שוועריגקייטען.

ס'לאזט זיך נאטירליך נאך נישט געבען א גענוי בילד פון דעם צוקונפטס־קריעג, ווייל די ערפינדונגען פערמעהרען זיך פון טאג צו טאג, אבער דאס בילד, וואס מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער, גיבט א געוויסע פארשטעלונג פון דער ציקונפטיגען קריעג לויט דעם איצטיגען שטאנד פון דער טעכניק.

די חורבות, די פערוויסטונגען אבער, וואס אזא מאדערנער קריעג וועט אנארבייטען, לאזען זיך גאר נישט בעשרייבען. די ווירקליכקייט קען דא זיין גרעסער פון דער איבערטרייבענסטען פאנטאזיע. די צאהלרייכסטע ארמעע, די שטארקסטע פעסטונגען, די גרעסטע פלאטע, די פיינסטע פלענע וועלען גאר נישט טויגען, ווען פון אויבען ארויב ווי פליין און דונער וועט זיך אראבלאזען די פיינדליכע מאכט.

ס'איבער מעגליך, אז געראדע אלע דיעזע יאפאניטע ערפינדונגען וועלען זיין די שטארקסטע שטיצע פונ'ם וועלט־פריעדען. די מעכטע וועלען עס זיך צעהנמאל איבערלעגען, אנצוהויבען א קריעג ביי אזוינע אונזיכערע און געפעהרליכע בעדינגונגען.

# סווען העדין.

דיעזע טעג האט דער בעריהמטער שוועדישער נאטורפארשער און רייזענדער סווען העדין אין ווין געהאלטען א פארטראג איבער זיין לעצטער רייזע קיין טיבעט.

סווען העדין איז אין ווין בעגריסט געווארען פון דער גאנצער וויסענשאפטליכער וועלט; ביי זיין פארטראג זענען געוועזען אלס צוהערער עטליכע מיטגליעדער פון קייזערליכער הויף, די גרעסטע געלעהרטע און די פערטרעטער פון דער העכסטער אריסטאקראציע.

דער קאיזער האט איהם מכבד געוועזען מיט א הויכען ארדען פאר זיינע פערדיענסטע אויף וויסענשאפטליכעם געביעט.

און איך אמת'ן זענען זיינע פערדיענסטע זעהר גרויס. טיבעט, איינס פון די עלטסטע און אינטערעסאנטסטע לענדער פון דער וועלט, צווישען כינא און אינדיען, איז ביז נישט לאנג געוועזען אבגעשלאסען פאר יעדען פרעמדען. א אייראפעער דארף נאר דארטהין נישט קומען און מיט שווערער מיה איז עס געלונגען פאר עטליכע יאהרען, אן ענגלישער מיליטערישער עקספעדיציע, אריינצוקומען אין לאנד. אבער אויך זי האט זיך שנעל, נאך דעם ערדייכען פון פאליטישען ציעל, צוריקגעצויגען, ווייל די טיבעטאנער זענען גרויסע פאנאטיקער און אפילו מיליטערישע עקספעדיציעס קענען דארט צווישען די בערג אויסגעריבען ווערען, ס'זאל פון זיי נישט בלייבען קיין שריד ופליט.

און אין אט דעם לאנד האט דער דרייסטע פארשער געווייילט פולע זעכס חדשים, דורכקרייזענדיג עס אין דער לענג און אין דער ברייט.

די גאנצע צייט איז ער געוועזען פערקליידעט אלס טיבעטאנישער פאסטוך. א־ומפיהרענדיג מיט זיך א העערדע בהמות. זיינע וויכטיגסטע פאפיערען און אפאראטען זענען געוועזען בעהאלטען אין לעדערנע טאשען, וואס האבען געהאנגען אויף מויל־אייזלען, ווי כלומר'שט פרויט זעק און קרוגען אויף וואסער.

אבער אויך אזוי און חאטשי ער בעהערשט גוט די טיבעטאנישע שפראכע, האט ער זיך געמוזט שטענדיג היטען די טירעטאנער זאלען נישט דער־קענען דעם שווינדעל אין זיך חמיר געסטארעט, וואס וויינער מיט זיי צוזאמענטרעפען.

סווען העדין האט אין דיעזער צייט גענוי דורכגעפארשט דאס גאנצע לאנד, בעזונדערס דאס אינטערעסאנטע הימאלייא־געבירגע, דאס העכסטע פון דער וועלט, און די דארטיגע וואסערן, דאס וויסענשאפטליכע מאטעריאל, וועלכעס ער האט געבראכט, איז פון דער גרעסטער בעדייטונג. ווען דאס אינטערעסאנטע לאנד וועט א מאל געעפענט ווערען פאר דער קולטור־וועלט, וועלען סווען העדין'ס פארשונגען האבען דעם גרעסטען פראקטישען ווערטה.

דער בעריהמטע פארשער איז געגענווערטיג אלט 44 יאהר. ער ארבייטעט יעצט אין א גרויס בוך, אין וועלכען עס וועלען זיין אויספיהרליך בעשריעבען די רעזולטאטען פון זיינע פארשונגען. דאס בוך וועט ערשיינען קומענדעם יאהר גלייכצייטיג אין 20 פערשיעדענע שפראכען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער דאס בילד פון דעם דרייסטען געלעהרטען אין די קליידער אלס טיבעטאנישער פאסטוך.



די געפענגנישע אין יאפאן: די ווערקשטאט אין א געפענגניש.



א פרויענקאפּ אין מעער: די ערמארדעטע לוציאנא פּאַבו.

# באראן זיגמונד האַרנפעלד.

אין בודאפּעסט איז פארגאנגענע וואך געשטארבען דער באראן זיגמונד קארנפעלד. איינער פון די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען אין דער אינדוסטריעלען און קאמערציעלען וועלט פון אונגארן.

דער פערשטארבענער, א בעהמישער יוד, האט זיך א דאנק פון זיין פלייס, ענערגיע און בעזונדערע פעהיגקייטען ארויפגעארבייט צו דער העכסטער פינאנציעלער מדרגה אין אונגארן און איהם געביהרט דאס הויפט-פערדיענסט אין דער אינדוסטריעלען און פינאנציעלען ענטוויקלונג פון דיעזען לאנד.

דער קאיזער האט זיינע פערדיענסטע געעהרט דורך דער פערלייהונג פונים טיטעל באראן און ערנענונג צום לעבענסלענגליכען מיטגליעד פון אונגארישען מאגנאטענהויז אלס פערטרעטער פון די אונגארישע יודען.

געבוירען אין יעניקוי (בעהמען) אים יאהר 1852, האט ער שטודירט אין פראג, דערנאך געארבייט אין פערשיעדענע באנקהייזער אין וויען און אין פאריז. שפעטער איז ער געווארען דירעקטאר פון דעם טשעכישער באנק-פעראיין און לייטער פון דער פראגער פיליאלע דער וויענער קרעדיט-אנשטאלט. אים יאהר 1878 איז ער געווארען דירעקטאר פון דער אונגארישען קרעדיטבאנק און אין דיעזער שטעלונג האט ער גראסארטיגעם געלייסטעט. די וויכטיגסטע פינאנציעלע און קאמערציעלע אינסטיטוטע אין אונגארן האבען איהם צו פערדאנקען זייער ענטשטעהונג. שיפפאהרטס-געזעלשאפטען, אייזענבאהנען, עלעקטרישע און קאמוניקאציאנס-אונטערנעהמונגען, באנקהייזער און פאבריקען זענען דורך זיין ארבייט און מיטווירקונג ענטשטאנדען.

דער פערשטארבענער איז דורך צוויי צעהנדליגער יאהרען געוועזען פּרעזידענט פון דער בודאפּעסטער בערזע און די רעכטע הענד פון די אונגארישע פינאנצמיניסטער.

ער האט זיך אויך תמיד אינטערעסירט פאר יודישע כלל-זאכען און אין פיעל וויכטיגע ענינים איז ער געוועזען דער פערטרעטער פון די אונגארישע יודען ביי דער רעגיערונג.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פון דיעזען פערדיענסטפולען מאן.

# דאס געפענגניש אין יאפאן.

די יאפאנער האבען נישט בלויז אלע מאדערנע אייראפּעאישע איינריכטונגען ביי זיך איינגעפיהרט, נאר אויך אין פיעלע ענינים אייראפא איבערגעהאלט. אזוי אז מיר קענען פון זיי לערנען.

די יאפּאנישע געזעצגעבונג בעזונדערס איז זעהר מאדערן און דאביי מענשענפריינדליך און הומאן. דאס איז בעזונדערס צו זעהען דאפון, ווי ס'ווערען דארט בעהאנדעלט די פערברעכער און ארעסטאנטען.

די יאפּאנישע בעפעלקערונג בכלל איז פיעל בעסער און מאראלישער ווי די אייראפּעאישע. אין טאקיא, דער הויפּטשטאדט, וואס צעהלט בערך א מיליאן איינוואהנער, איז דורך א גאנץ יאהר נישט פארגעקומען קיין איינציגער מארד, און אויך אין די אנדערע גרעסע שטעדט איז די צאהל פון די פערברעכער נאר גרינג.

און איבערדעם ווערען אויך די פערברעכער, וואס זענען דארט פאראהאנען, פיעל מענשענפריינדליכער בעהאנדעלט, ווי אים אלטען אייראפּא — און אינ'ם יונגען אמעריקא. די יאפאנישע געזעצגעבונג וויל נישט בלויז בעשטראפען דעם פערברעכער, נאר אויך בעסערן און די דארטיגע געפענגנישע זענען צוגלייך אויך בעסערונגס-אנשטאלטען.

געבויט זענען זיי אויף דעם מאדערנסטען אופן, היגיעניש, אין גרוים און ריין. יעדעס געפענגניס גלייכט מעהר א מאדערנע פאבריק זוי א שטראפהויז און די געפאנגענע ווערען דארט ערצויגען פאר נוצליכע מענשען פון דער געזעלשאפט.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד פון א יאפאניש געפענגניש און א בילד פון א ווערקשטאט אין אזא אנשטאלט.

# „דער נייער צעפּעלין".

יאהרעלאנג האט זיך דער גראף צעפּעלין געפלאגט, צו ערפינדען א לענקבארען לופט באלאן, און קוים איז עס איהם געלונגען און ער האט אונטערנעמען זיין ערשטע רייזע, איז געשעהען א אונגליק און דער באלאן איז פערניכטעט געווארען.

די דייטשען האבען דאס בעטראכטעט פאר א פער-לופט פון דער גאנצער נאציאן און מען האט תיכף געזאמעלט געלד, כדי דער גראף זאל וואס שנעלער קענען בויען א נייעם באלאן. דער דייטשער קאיזער האט די זאמלונגען אונטערשטיצט און נאך קוים עטליכע חדשים איז שוין מאקי גראף צעפּעלין געוועזען בכח, צו בויען א נייעם באלאן.

ער איז שוין פארטיג און דיעזע טעג האט ער אונטערנעמען דעם ערשטען פלוג וועלכער איז פאלשטענדיג געלונגען.

גראף צעפּעלין איז ארויסגעפאהרען פון פריעדריכס-האפען קיין מינכען און צוריק. ער האט געפיהרט דעם באלאן מיט א זיכערער האנד ווי א אויטאמאביל און האטשי עס זענען געוועזען שרעקליכע ווינטען האט עס דעם באלאן גאר נישט געשאדעט. צעהנדליגער טויזענדער מענשען האבען צוגעקוקט ווען דער באלאן האט ארומגעקרייזט מינכען.

אלס דאנק פאר די גרויסע הילף, וועלכע צעפּעלין האט בעקומען פון דייטשען קאיזער, וויל ער דעם באלאן א נאמען געבען „קאיזער ווילהעלם II."

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א ארגינעל בילד, פארשטעלענדיג דעם מאמענט, ווען דער נייער „צעפּעלין" מאכט זיין ערשטען פליעה-פערזוך.



א פרויענקאפּ אין מעער: דער מערדער פעדראנספערג.

# דער פרויענקאפּ אינ'ם מעער.

פאר דעם שווארצעמט אין טריעסט איז דיעזע טעג פארגעקומען א סענזאציאנעלער מארד-פראצעס.

מיט עטליכע חדשים צוריק האט א פישער אים מעער אויפגעפישט עפּיס א שווערען געגענשטאנד. נאכדעם ווי ער האט איהם ארויסגעצויגען, דערזעהט ער צו זיין שרעק, אז עס איז דאס א קאפּ פון א פרוי ארומגעבונדען אין א גרויסען טוך צוזאמען מיט א שווערען שטיין.

ער מעלדעט דאס תיכף דער פאליציי און די נאכפארשונגען ערגעבען, אז דאס איז דער קאפּ פון דער שאנסאנעטען-זענגערין פאפרי, וועלכע איז זייט א צייט פון טריעסטער פּאליציי פערשוואונדען.

די שאנסאנעטע האט לעצטענס געוואהנט צוזאמען מיט א געוויסען יוליאוס פעדראנספערג, א געוועזענער באראן, וועלכער האט פערלוירען דעם טיטעל וועגען א פערברעכען. דער געוועזענער באראן האט געשפּיעלט די ראלע פון א האכשטאפּלער, האט זיך ארויסגעגעבען אלס הויכער בעאמטער, אלס רייכער מאן, וואס בעזיצט גיטער אין שפאניען און פלעגט אזוי-ארום מאכען א „לעבען".

דער פערדאכט האט זיך געלעגט אויף דעם באראן און ביי א אונטערזוכונג אין זיין וואהנונג האט



איבערשוועמונגען: א אבגעריסענע בריק ביי טשארטקאוו (גאַל ציען).



דער נייער צעפעלין: דער ערשטער אויפפליעה פונ׳ם נייעם לופטבאלאן.

מען טאקי געפונען פערשידענע קערפערטהיילע פון דער ערמאָרדעטער אין שאפעס און קאסטענעס בעהאלטען, בעזונדער די פוס, די הענד, שטיקער פונ׳ם קערפער א. ז. וו. אלע פערבונדען צוזאמען מיט שטיינער אין גרויסע טיכער. ער האט זיכער געוואלט אויך דיעזע קערפער־טהיילע איינציגווייז ווארפען אין וואסער אריין, כדי די שפור׳ען פון דעם פערברעכען צו פערווישען.

האטשי עס זענען אזוינע שטארקע בעווייזע קעגען איהם געווען, האט ער כסדר געלייקענט, בעהויפטענדיג, אז ער האט זי אויפגענומען צו זיך אויף א קורצע צייט, ווייל עפיס א מאן האט איהם דאס געבעטען, בעלויהנענדיג איהם פאר זיין מיה. דערנאך איז זי אוועקגעגאנגען און ער ווייסט נישט מעהר, וואס מיט איהר איז געשעהען.

אבער די בעווייזע האבען זיך וואס אמאל פערמעהרט, אז פעדראנספערג איז דער מערדער. ציינען האבען געהערט פון זיין וואהנונג יעמערליכעס שרייען; ער אליין האט געהאט צעקראצטע הענד און פערבלוטיגטע הויזען. ווען זיין קווארטירסנעבערין האט אין דעם קריטישען טאג געוואלט צו איהם אריינקומען, האט ער זי נישט אריינגעלאזט, זאגענדיג, מען קען נישט קומען ווייל ער האט פריש געשמירט דעם פוס־באָדען מיט עהל. און נאך פיעלע דערארטיגע בעווייזע.

די אונטערזוכונג האט געדויערט א היבשע צייט און דער אנגעקלאגטער האט כסדר געלייקענט. ערשט ביי דער פער־האנדלונג איז ער זיך מודה געווען, אז ער האט די פאברי ערמארדעט.

די איינצעלהייטען, וועלכע זענען ביי דער פערהאנדלונג ארויסגעקומען, זענען נעראדעצו שוידערהאפט. אזוינע מעשים צו בעגעהען מוז מען זיין א ווילדער קאניבאלע... מען ווא׳ט עס זיך גאר נישט געגלייבט, אז א איראפעאישער מענש זאל פעהיג זיין צו אזוינע טהאטען.

די געשווארענע האבען איהם פעראורטיילט צום טוידט.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער די בילדער פון דער מערדער יוליאוס פעדראנספערג און פון דער ערמארדעטער זענגערין לוציאנא פאברי.

# א שרעקליכער מערדעריי אין ווארשא.

אין ווארשא איז פאריגע וואך פארגעקומען א שרעקליכער מערדעריי, וועלכע דערמאנט אין די שרעקליכע טעג, וואס מען האט דארט דורכגעלעבט מיט צוויי יאהר צוריק.

אין ל. פריעדמאנ׳ס קליידער מאגאזין (מא־שאלקאווסקא 132) זענען אריינגעקומען 2 יונגע מענשען און האבען געבעטען מען זאל זיי ווייזען א פאלטא. דער משרת מארגאלין איז אריינגעגאנגען אין צווייטען צימער ברענגען א פאלטא. די אונבעקאנטע האבען דערווייל אנגעהויבען צו שיעסען מיט רעוואלווערס אויף דעם אייגענטימער פונ׳ם מאגאזין פריעדמאן. עטליכע קוילען האבען איהם געטראפען אין ברוסט און אין קאפ און ער איז באלד געפאלען טוידט.

מארגאלין, דערהערענדיג די שיסעריי, איז ארויס־געלאפען פון צווייטען צימער. די מערדער האבען אויף איהם איינינע מאל אויסגעשאסען און איהם שווער פער־וואונדעט, און ער איז אין איינינע מינוט ארום גע־שטארבען.

די מערדער זענען ארויס מיט די רעוואלווערען אין די הענד און זיך געלאזט לויפען אויף מאניושקי גאס. גאר דערזעהענדיג, אז אקענען זיי לויפען 2 פאלי־ציאנטען, האבען זיי זיך אומגעקעהרט און אנגעהויבען צו לויפען אויף דער נאוואיאסנא גאס. גאר אויך דא איז זיי אנגעלאפען א קעגען א פאליציאנט. די מערדער האבען אויף איהם איינינע מאל אויסגעשאסען, גאר זיי האבען איהם נישט געטראפען און וועהענדיג, אז דער פאליציאנט שיעסט אויף זיי, האבען זיי אנגעהויבען צו לויפען אויף קרושיסקא גאס.

דא האבען זיי זיך צעטיילט. איינער פון זיי האט אנגעהויבען צו לויפען צו דער מא־שאלקאווסקא גאס. דער אנדערער האט זיך געזעצט אויף א דראזשקע וועלכע איז מיט איהם שנעל אוועקגעפאהרען אין דער זייט פון מאזאוועצקא גאס.

די פאליציאנטען, צו וועלכע עס זענען דערווייל צוגעקומען נאך 2, האבען זיך אויך צוטיילט. 2 פון זיי האבען זיך געזעצט אויף א דראזשקע און האבען אנגע־הויבען נאכיאגען די דראזשקע, מיט וועלכער דער מער־דער איז ענטלאפען, שרייענדיג צום ערשטען דראזשקא־זש. אז ער זאל זיך אבשטעלען. דער דראזשקארזש האט גע־פאלגט. דאן איז דער מערדער ארויסגעשפרונגען פון דער דראזשקע און האט אנגעהויבען צו שיעסען אויף די פא־ציאנטען. די פאליציאנטען האבען געענטפערט מיט רע־וואלווער־שאסען. איינינע קוילען האבען דעם מערדער שווער פערוואונדעט. די פאליציאנטען האבען איהם דאן ארעסטירט און אבגעפיהרט אין צירקעל, וואו ער איז באלד געשטארבען.

די איבריגע פאליציאנטען האבען דערווייל נאכ־געיאגט דעם צווייטען מערדער, די פאליציאנטען צו הילף זענען אויך געקומען איינינע זשאנדארמען. זעהענדיג זיך ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, איז דער מערדער אריינ־געלאפען אין הויז נומער 31 פון דער קרושיסקא גאס.

ווען די פאליציאנטען זענען אהיינגעקומען, האט דער סטרוזש ניט געוואלט זיי באלד אריינלאזען און זיי האבען זיך געמוזט אריינרייסען מיט געוואלד. אויף דער פראגע, וואו עס געפינט זיך דער מענש, וועלכער איז אריינגעלאפען, האט דער סטרוזש געענטפערט, אז ער ווייסט ניט. די פאליציאנטען האבען איהם דאן אנגע־הויבען צו זוכען און האבען איהם געפונען אין קלאזעט. דעם רעוואלווער זיינעם האט דער מערדער שוין דאן גע־האט אריבערגעווארפען איבער׳ן פארקאן, וואו מען האט



אויפרעגונגען אין גריכענלאנד: קעניג געארג I פון גריעכענלאנד.

איהם באלד געפונען. דעם מערדער האבען די פאליציאנ־טען באלד ארעסטירט. אויסער דעם איז ארעסטירט גע־ווארען עפיס א פרוי, וועלכע דאט ביי׳ם דער׳הרג׳טען פריעדמאן אראבגענומען פון פינגער א בריליאנטענעם רינג און מיט איהם געוואלט אנטלויפען, דעם רינג האט מען ביי איהר אבגענומען. דער סטרוזש פון הויז איז אויך ארעסטירט געווארען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער די פאָ־טאגראפיעס פון פריעדמאן און מארגאלין, וואס זייער ערמארדונג האט אנגעמאכט א גרויסע אויפרעגונג אין גאנץ ווארשא.

# אויפרעגונגען אין גריעכענלאנד.

קוים איז אויף דעם באלקאן א ביסעל שטיל גע־ווארען, הייבט זיך אן אין גריעכענלאנד צו רודערן.

די גריעכען האבען געהאפט, אז אויך וועט קומען צו א בלוטיגען קאנפליקט אויף דעם באלקאן, וועלען זיי אויך דאפון עפיס האבען א שטיקעל רנאה און צוואר



איבערשוועמונגען: בילדער פון דעם איבערשוועמונגס־געביט און דעמבינא ביי ווארשא.



א שרעקליכע מערדעריי אין ווארשא: דער ערמארדעטע פֿריעדמאן.

פאליציי נעפֿונען אויף איין שטיק וועש די אויפשריפט „קראקיי". און דאריבער איז מען ערשט נעקומען אויף א נייע השערה, אז אלע דריי, דער נע'הרג'עטער און די מערדער זענען פאלאקען, קינסטלער פֿון גאליציען.

אין איינע פֿון די לעצטע טעלעגראמעס פֿון רוים איז מען מודיע, אז אין דעם נע'הרג'עטענס הויז האט מען נעפֿונען א עטיקעטע מיט א נאמען פֿון א ווארשעווער פֿירמע. אויך האט מען נעפֿונען אין צימער רעוואלוציאנערע בראשורען אויף רוסיש און אויף פויליש. און דעריבער קלערט מען, אז דא האנדעלט זיך נישט וועגען רוסישע, נאר פוילישע רעוואלוציאנערן.

אויפנעקלערט איז אבער דער נעהיימניספֿולער מארד נאך נישט.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פֿון דעם ערמארדעטען ליגענדיג אין קאסטען לויט א פאטאגראפֿישער אויפֿנאהמע.



א מערדער אויפגעהאנגען: דער אויפגע־אנגענע פיאטר טשאכאק.

# איבערשוועמונגען.

נאך די שרעקליכע איבערשוועמונגען, וועלכע מיר האבען דאס יאהר נעהאט אין מיטען ווינטער אין בעהמען און אין דייטשלאנד, זענען איצט נעקומען איבערשוועמונגען אין רוסיש־פוילען און אין גאליציען. אין די נעגענדען בײם ווייקסעל, דניעסטער, פרוטה, סאן, בוג א. ז. וו. קומען איצט פאר גרויסע איבער שוועמונגען, וועלכע מאכען אן שרעקליכע חורבות.

די שטארקסטע בריקען ווערען איינגעריסען. אייזענבאהן־שטרעקען איבערפֿלייצט. גאנצע דערפֿער, פאבריקען, פֿעלדער און וועלדער שטעהען אין וואסער.

דער שאדען, וואס די איבערשוועמונגען האבען אנגעמאכט, איז אנגעהויער גרויס. עס זענען אויך עטליכע מענשענלעבען צו בעקלאגען.

בעזונדערס שטארק געליטען האבען די נעגענדען בײ דער ווייכסעל. אין װארשא און אין דער אומגעבונג האט די ווייכסעל אנגעמאכט גרויסע חורבות.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער עטליכע בילדער פֿון דער איבערשוועמונג, לויט שפעציעלע פאטאגראפֿיעס.



א שרעקליכע מערדעריי אין ווארשא: דער ערמארדעטע מארגאלין.

## נייער קריעגסמיניסטער אין רוסלאנד.

דער רוסישער קריעגס־מיניסטער גענעראל רעדיגער האט דעמיסיאנירט און דער בוזהעריגע שעף פֿון גענעראלשטאב, גענעראל סוכאמלינאוו, איז ערנאנט געווארען צים קריעגס־מיניסטער.

דער נייער מיניסטער איז אלט 60 יאהר, און איז בעקאנט אלס טיכטיגער זאלדאט, פעהיגער ארגאניזאטאר און פֿיינד פֿון רעפארמען בײ׳ם מיליטער.

די רעאקציאנערע קרייזע זענען פֿון דער ערנענונג נישט צופֿריעדען, ווייל גענעראל סוכאמלינאוו איז זייער צו „ליבעראל". אלס גענעראל־גובערנאטאר פֿון קיעוו האט ער די „שווארצע הונדערט" געשטערט אין זייער פאגראם־ארבייט.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פֿון דעם נייעם קריעגס־מיניסטער.

## אדאלף ריטער פֿון זאנענטהאל.

בײם שלוס פֿון בלאט בעקומען מיר פֿון וויען די טעלעגראפֿישע ידיעה אז דער בעריהמטער האפשוישפּיעלער, אדאלף ריטער פֿון זאנענטהאל איז פלוצים געשטארבען.

דער פֿערשטארבענע, וועלכע איז נעקומען אלס 13־יעהריג שניידער־יונגעל צו פוס קיין וויען פֿון זיין אונגארישער געבורטסשטאדט האט זיך א דאנק זיין אנגענעבענעם טאלענט ארויפגעארבייט צום גרעסטען שוישפּילער פֿון דער איצטיגער צייט.

זאנענטהאל איז געווען די טיכטיגסטע קראפט פֿונ׳ם וויענער האפבורגטהעאטער און דער קייזער האט זיינע פֿערדיענסטע געעהרט. אינדעם ער האט דעם קינסטלער מכבד געוועזען מיט דעם טיטעל „ריטטער".

„די שטיצע פֿון מיין בורגטהעאטער" האט דער קייזער אמאל אויפגעשריעבען אויף א בילד, וועלכעס ער האט זאנענטהאלען איבערגעגעבען, און מיט רעכט, ווייל איהם האט זיך פֿערקערפערט די גאנצע טראדיציע פֿון דעם בורגטהעאטער.

אדאלף ריטער פֿון זאנענטהאל איז געוועזען א יוד און האט זיך תמיד ווארם אינטערעסירט פֿאר יודישע אנגעלעגענהייטען.

מיר וועלען אין קינפֿטיגער נומער ברענגען א אויספֿיהרליכע ביאגראפֿיע פֿון דעם בעריהמטען קינסטלער, וועלכער דערגרייכענדיג א אלטער פֿון איבער 70 יאהר, איז ביז צום לעצטען מאמענט געוועזען טהעטיג אין זיין פאך.

די דראמאטישע וועלט פֿערליערט אין ריטער פֿון זאנענטהאל, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, איהר גרעסטען רעפּרעזענטאנט.



אדאלף ריטטער פון זאננענטהאל

האפֿ׳א

פאסטא דא בוציקוו — יעסט נאילעפשא מארקא.
פאסטא דא מעטאלי — אוזנאנא פרזעז פאוואגי פאכאווע.
זשאנדאץ וושענדזשיע ו יראזשניע טילקא וויראבו ז נאפיסעם פֿירמי
S HOF W KRAKOWIE.

# רעטהזעל.

(די נעמען פון די אויפלעזער ווערען פערעפענטליכט).

I.

### שאראדע.

די ערשטע האט די נאדעל און די ־פעדער.
דין און שארף איז זי און שטעכט דאס רוב.
פאר ,בקיצור׳ זאגט עס כמעט א יעדער.
אויך בעדייטעט עס: אנ׳עק, א סוף!

די צווייטע האט יערעס וועזען; נו וואס איז דאס?
וואס ,סוף׳ בעטייט, זאגט עס פינקט פערקעהרט.
א מאכער, א מנהיג, וואס פ׳ה־ט יענעם ביי די נאז,
האב איך אפט מיט דעם נאמען רופען געהערט.

דאס גאנצע איז דער נאמען פון א דעטעקטיוו.
וואס זיינע מעשים זענען בעשריעבען אויף יודיש;
בחנם קענט איהר זיי בעקומען, גיבט נור א פרוב
ווייסט איהר נאך נישט דעם פתרון? — א חידוש!

II.

| | | | |
|---|---|---|---|
| א | א | א | א |
| ו | ו | ג | א |
| ע | [illegible] | ם | ז |
| ר | ר | פ | פ |

די בוכשטאבען אינ׳ם נעבענשטעהענדען קוואדראט זענען אזוי צו ארדנען אז עס זאלען דאר׳ום געבילדעט ווערען 4 ווערטער מיט פאלגענדער בעדייטונג: 1) געוויכט. 2) מערכעננאמע. 3) רעוואלוציאנער־פראוואקאטאר. 4) העברעאישער שריפטשטעלער. די שורות פון רעכטס נאך לינקס אין פון אויבען אונטער לויטען גלייך.

III.

יעדען איז מיין ווארט בעקאנט.
אביסעל קלערען מוזט איהר נור;
עס איז א שטאדט אין דייטשלאנד.
וועלכע ליענט ביי דעם פלוס ,רוהר׳.

אויך אז מ׳וויל דעם הונגער שטילען,
פאלגט מען פונ׳ם ווארט דעם פשט;
כדי דעם מאגען אנצופולען.
זאגט אצינד: וואס דאס בעטייט!

סאנוק. אב״ן שה״ם.

## פון דער אדמיניסטראציע.

מיט היינטיגער נומער הויבט זיך אן דאס צווייטע קווארטעל און מיר בעטען אלע דיעיעניגע, וואס האבען נאר אבאניערט אויף א קווארטאל, צו ערנייערן זייער אבאנעמענט.

נייע אבאנענטען בעקומען אלס פרעמיע דעם היסטארישען ראמאן ,דוד שפירא׳ סעפאראט געדרוקט אין שענער אויסשטאטונג.

# פרעמיעס

פאר די אבאנענטען פון דער

# „יודישען אילוסטרירטען צייטונג".

א) ווער עס אבאנירט די ,יודישע אילוסטרירטע צייטונג" דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע אין קראקא וועניגסטענס אויף א האלב יאהר, צריינשיקענדיג דאס געלד אים פאראויס, בעקומט די נאכשטעהענדע 15 העפטע פון דעם בעריהמטען, האכשפאנענדען דעטעקטיוו־ראמאן ,מאקס שפיצקאפף׳ ״יודישער שערלאק האלמעס), וועלכע קאסטען צוזאמען 3 קראנען, בלויז

## פאר 1 קראנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

יעדעס העפט ענטהאלט א גאנצען אבגעשלאסענע האכשפאנענדע ערצעהלונג, קיין פארטזעצונג, מיט א שענער אילוסטראציע.

די העפטע ענטהאלטען פאלגענדע ערצעהלונגען:

1) געטריבט צו דער שמד...
2) באנקנאטען פעלשער.
3) עלילת דם...
4) א רעטהזעלהאפטער מארד.
5) דער שמוגגלער...
6) דאס געפעלשטע טעסטאמענט.
7) דער שפיאן.
8) דער מערכען הענדלער.
9) דער באנק־איינברעכער.
10) די קינדער־מערדערין.
11) דער טויטען־גרעבער.
12) דאס געהיימניס פון א מיליאנער.
13) די דערטרונקענע כלה.
14) דער מיסיאנער.
15) די נאכטוואנדלערין,

ב) אנשטאט דיעזע העפטע קען מען אויך בעקומען די פאלגענדע וויכטיגע ספרים פון דעם גרויסען יודישען געלעהרטען דר. ש. רובין:

**א) תהלת הכסילים, ב) ספור יצירת העולם, ג) שני לוחות הפילוסופיה,**

וועלכע קאסטען 4 קראנען, בלויז

## פאר 1.50 קראנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

ג) ווער עס אבאנירט די ,יודישע אילוסטרירטע צייטונג" אויף א גאנץ יאהר און בעצאהלט אים פאראויס, בעקומט ענטוועדער די 15 העפטע מאקס שפיצקאפף אדער די ספרי דר. רובין

## גאנץ אומזיסט.

די אבאנענטען ברויכען נאר צו שרייבען, וועלכע פרעמיע זיי ווינשען; האלב יעהריגע אבאנענטען ברויכען גלייכצייטיג צוצושיקען דאס געלד פאר דער פרעמיע.


Cacao Hoff
MARKA OCHRONNA.
Przewyższa wszystkie dotychczasowe marki
Jana Hoffa fabryka czekolady i kakao. WIEDEŃ-STADLAU.

HOTEL-RESTAURANT
Rosenthal
Lemberg,
Rzeźnicka.

זיכערע הילף געפינט יעדער
אין האפראט פראפעסאר דאקטאר מ. גרובערים בעריהמטען ביכעל
„דאס געשלעכטסלעבען"
— איינפאך יודיש בעארבייט —
ס׳ענטהאלט: דאס היילען פון אלערליי מענערקראנקהייטען פון אונאני (א געהיימע ליידענשאפט ביי יונגע מענשען, פאר א בחור זעהר וויכטיגע עצות, אויסגעצייכנעטע מיטעל פאר יונגע לייט.
פ־אנקא פאר 80 העללער (50 קאפ.) אין פאראוים.
ביי: H. Fränkel in Gwoździec, (Galizien)

זאדאוואסער־מאשינען

קופפער־צילינדער, סיפאן אונד לימאנאדען פלאשען
ליפערט שטוינענד ביליג:
Brückenstein Lemberg, Panieńska 15.

## פערלאג אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק, ניו־יארק,

זאעבען ערשיענען:

# מאררים ראזענפעלד'ס שריפטען

| | |
|---|---|
| ערשטער באנד (נייע אויפלאגע), פאעזיע, געבונדען | 3 — K. |
| צווייטער באנד פאעזיע, געבונדען | 5 — |
| דריטער באנד פראזא, געבונדען | 5 — |
| יעקב גארדין'ס ערצעהלונגען | 2 50 |
| די אמת'ע קראפט, דראמא פון יעקב גארדין | 1 — |
| דער אונבעקאנטער, " " " " | 1 — |
| אלישע בן אבויה, " " " " | — 75 |
| פאר'ן שטורם, דראמא פון לעאפאלד קאמפף | 1 — |
| די גייסטער, דראמא פון הענריק איבסען | 1 — |
| אייזיק שעפטעל, ארבייטער־דראמא פון דוד פינסקי | — 75 |
| געזאמעלטע ליעדער פון יהואש, געבונדען | 5 — |
| דוד פינסקי'ס ערצעהלונגען, 2 בענדע, יעדער באנד | 2 50 |
| „קניאז פאטיאמקין", געשיכטע פון דעם בעריהמטען מאטראזען־אויפשטאנד, אילוסטרירט | 1 — |
| סטרייקס און זייער ניצליכקייט פיר די ארבייטער | — 25 |
| צום ארבייטערפאלק, ל. מאלסטאי | — 75 |
| דער מאציאליזם און די נאציאנאלע פראגע, פון דר ח. זשיטלאווסקי | 2 — |
| אינטערוויו פון מאקסים גארקי | — 75 |

ביי פאראהעריגע איינזענדונגען פון בעטראג ווערען די ביכער פאסטפריי צוגעשיקט.

הויפטפערקויף ביי:

**L. Fortgang**. Buchhandlung, **Kaschau**. (Ungarn)

אין דערזעלבער בוכהאנדלונג איז אויך צו בעקומען אלע פריהעריגע אויסגאבען פון דער „אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק" אזוי ווי זעמטליכע יודישע ביכער וואס זענען ביז היינט ערשיענען אין רוסלאנד, ענגלאנד, אמעריקא און אנדערע לענדער.



# דוד שפירא

## דער בעפרייער פון פראג

היסטארישער ראמאן

איים דער צייט פונ'ם דרייסיגיעהרינען קריעג.

נאך א. ע. בראכפאגעל בעארבייטעט

פון

**בן־צבי.**

פרייז אין שענער אויסשטאטונג 1 קראנע.

צו בעציעהען ביי דער אדמיניסטראציע:

**„Jüdische Illustrierte Zeitung"**

**Krakau. Grodgasse 62.**



**Graetz**
Gesch. d. Juden 13 Bde
Meyer's u. Brockhaus
Konvers. Lexika 1908,
Brehm's Tierleben,
Kaufm. Bibliothek,
Spamers ill. Weltgesch.
Fremdworterbücher,
Worterbücher in allen Sprachen,
Literaturgeschichte,
Samtl. Klassiker,
Handels- u. Sprach-Wissenschaften etc.
Alles in neuester Auflage u. in Prachtbanden gebunden
liefert gegen Monatsraten v. K. 3 aufwarts
**A. Weissmann, Podgórze** (Galiz.)



# Kaufm. Fern-Unterricht!

בוכפיהרונג (אללע מעטאדען) האנדעלסקארעספאנדענץ, דייטשע או. פאלנישע שפראכלעהרע, קויפמ. רעכנען, האנדעלס־ או. וועכסעלרעכט, וואארענקונדע, געאגראפיע, שענשרייבען, עספעראנטא - וועלטשפראכע, וועלט־געשיכטע, קאנטארפראקסיס, סטענאגראפיע (אללע סיסטעמען) א. ז. וו. קאנן יעדערמאנן אהנע בעזאנדערע פארקענטניססע אים בריעפליכען וועגע אונד און קורצער צייט גרינדליך ערלערנען. — ביי גלייכצייטיגער טיילנאהמע אן 4 לעהרפעכערן,

**Stenographie gratis**

האנאראר מעסיג, — ערפאלג גאראנטירט!

Gründl. briefl. Ausbildung zum tüchtigen Kaufmann

אנפראגען נור געגען רעטורקארטע. פראספעקטע א 15 העלי׳ פראבעבריעפע K. 1.60 פראנקא.

**Erstes commerc elles Unterrichts-Institut.**
**Abteilung für briefl. Unterricht**

**A WEISSMANN, Podgórze-Krakau 37.**





**Maszynki do strzyżenia włosów**
**po Kor. 3.80 h.**
poleca
**Skład towarów żelaznych i stalowych**
**Bernard GRESCHLER, w Krakowie**
**UL. GRODZKA 43.**



# העברעאישער פערנאונטערריכט.

דורך מיינע 32 קינסטפאלע העברעאישע אונטעררכטס־בריעפע קאן יעדערמאן דיא העברעאישע שפראכע אין קורצער צייט לייכט אונד גרינדליך אין ווארט אינד שריפט ערלערנען. האבע הונדערטער דאנקזאגונגען פאן שילערן.
פראספעקטע גראטיס. פראבענומער 1 קראנע אין מארקען. אויך אויסלענדישע

**S. Walkowski, Krakau, Miodowa 16**



# ARTHUR POPPER

**KRAKAU**

**chem. Waschanstalt und Kunstfarberei mit Dampfbetrieb.**

Empfiehlt sich zum chem Reinigen von Herren, Damengarderobe, Vorhange, Portiere, Talisem etz.
Ausführungen unübertroffen. Preise billiger als überall.
**Provinz-Auftrage werden postwendend ausgefertigt und franko retouniert.**
Wer auf einmal für 20 K. zum Reinigen oder Farben Gegenstande gi t, erhalt **8%** **Rabatt** oder einen Gegenstand gratis gereinigt.

**Fabrik und Bureau**
**KRAKAU**
**Zwierzynieckagasse Nr. 25**

**Ausgezeichnet mit den grossen goldenen Medaille auf der Hygenischer Ausstelluug in Paris.**



Spezial-Verkehr nach Süd-Russland.
**N. Katzner**, Sped tion u. Kommission
Podwoloczyska, Woloczysk, Brody und Radziwilow
Feste Durchfrachten von und nach Russland.
Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen
**Steinkohlen, Antracit und Koks.**
Tee in Orig nalpaketten mit kais. russ. Kronsbanderolle.



# עפילעפסיע.

ווער עס אן פאללזיכט, קרעמפפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט, פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס א. פראנקא דורך די

**Privil. Schwanen-Apotheke Frankfurt a. M.**



# עס ווירד געזוכט.

איין **מאשינענמייסטער** וועלכער גלייכצייטיג **מאטריצער** זיין זאל, רעפלעקטאנטען וואלען זיך ווענדען אן דער רעדאקציאן דיזעס בלאטעס. אונטער „מאשין".

Schönste
**Hochzeits-Geschenke** und **Verlobungsringe**
aller Art Uhren, Ketten. Juvelen, Gold, Silber und Neusilberwaren

**BILLIGST** bei **Emil Goldwasser**, Krakau Grodgasse **Nr. 58**

Bitte die Adresse u. Hausnummer gefl. genau zu beachten.

**Lecznica chirurgiczna Zakład Roentgenowski**
**Dr. Artura Frommera**
Godziny ord. 9—11 przedpoł. 3—5 popoł.
Kraków, Tomasza 18. Róg ul. Floryańskiej
Telefon Nr. 81.

**Mineralwasser!**
En gros-Versand! Export nach Russland und Rumanien!
Directe Verbindungen mit den Quellen!!
Nahere Auskunft und Preise gratis und franko!!
1) **N. Traums Sohn, Tarnów.** (Galizien).
2) **N. Traums Sohn, Kraków.** Dietelsg. 46. Tel. 869.
**Gründungsjahr 1864.**



**„Muzyka“**
Podgórze, Rynek
Gmach Magistratu

**Fabryczny skład orkiestryonów, gramofonów i pathefonów, oraz płyt najnowszych zdjęć, po cenach konkurencyjnych także na dogodne spłaty miesięczne.**
Katalogi gratis i franko.
Wysyłki na prowincyę uskutecznia się odwrotną pocztą.

**PIERWSZY KRAJOWY, hurtowny i częściowy**
**Skład Gramofonów**
**Józefa Wekslera**

| | | |
|---|---|---|
| **we Lwowie** Sykstuska 1. 2, Telefon 2033/II | Odznaczony na wystawie jubileuszowej największą nagrodą »GRAND PRIX« | **w Krakowie** Grodzka 1. 71 obok Wawelu |



Jeneralne zastępstwo
Towarzystwa Ack. Gramofonów
z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«

TRADE MARK
"GRAMMOPHON"

poleca swoje slanowczo **bez szmeru** najlepiej grające Gramofony, oraz płyty z marką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za najlepsze i najtrwalsze.

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie **20.000**

**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**
**Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu**
**Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K.**
Przeróbka lub zamiana Pathéfonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.

Cenniki darmo i opłatnie,

**ברוכבענדער**
ספעציאליסט אין באנדאזשען־פאבריקאציאן
פאכמאן ווייט 25 יאהרע

**Ant. M. Mirkiewicz w Krakowie Mostowa l. 4**

עמפפיעהלט אן לייסטען־ברוך ליידענדען פערזאנען ברוכבענדער אייגענער אורסארבייטונג וויא איך בויכבינדען בעסטער קאנסטרוקציאן, האכפריםא — בענדער אהנע שנאללען אייגענער ערפינדונג, דיא דען סאיציג האבען, דאס זיא קיינע שמערצען פעראורזאכען פיר פערזאנען ביא ווייט פארטגעשריטטענעם צושטאנדע האט ער אם לאגער רעכטמעסיגע שוטצבענדער.

עס ווערדען אויך אויפקלערונג וועגען דער אנווענדונג דעס באנדעס ערטהיילט, וואס פיר אנפענגער איין גרויסען פארטהייל האט דא עס צור היילונג פיהרט אונד דאס אונטער גאראנטיע.




Telefon Nr. 484 • Unternehmung für elektrische Beleuchtung & Kraf übertragung ※ Telefon Nr. 484



# Ing. Rudolf Popper, Krakau, Florianigasse 47.

**Gerichtlich beeideter Sachverstandiger**

Bau elektrischer Zentralstationen jeder Art und Grosse für Beleuchtung & Kraftübertragung. Komplette Einrichtungen fur Fabriken, Gruben, Mühlen, Ziegeleien, Dampfsagen, Raffinerien, Brauereien, Landwirtschaften, Hotels, Villen, Paläste etc.

Bau von schalttafeln für alle Stromarten.

Fabrikation von elektr. Starkstromapparaten für Specialzwecke.

Grosstes Lager elektrotechnischer Installationsmaterialen, Dynamomaschienen, Elektromotoren; Ventilatoren, Bogenlampen, sowie aller Art moderner Beleuchtungskörper.

Projekte, Kostenanschläge und technische Beratungen auf Verlangen kostenlos.


Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.